# הבינוני

פרשת פקודי ||| שנת תשפ"ד לפ"ק ||| גליון מה ||| שנה ב'

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

"להבין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"

הבינוני

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א



פטרון סדר שמות

ע"י אחד מבני החבורה

לעילוי נשמת אביו ע"ה

זכות לימוד התורה
יעמוד לו ולזרעו עד עולם


## בך בטחתי

### ישישו וישמחו בך כל מבקשיך;

אויב האָט מען בטחון פאַרוואָס דאַרף מען דאַווענען?

ששיעורי חוה"ל שער הבטחון שיעור כ"ד, יום א' פרשת לך ה' מרחשוון שנת תש"פ

א

## כגמול עלי אמו; די באַקאַנטע שאלה וויאַזוי אַרבעט בטחון צוזאַמען מיט תפלה

### אַ שאלה וואָס אַסאַך פרעגן

ווען מען לערנט די סוגיא פון בטחון איז דאָ אַ שאלה וואָס זייער אַסאַך מענטשן פרעגן, און ס'איז טאַקע באמת זייער וויכטיג צו פאַרשטיין און קלאָרער ווערן דערמיט, ווייל די שאלה איז שטאַרק נוגע כמעט פאר יעדן מענטש אין אַלע סאָרט מצבים.

כדי צוצוקומען צו דער שאלה לאָמיר מקדים זיין צוויי לשונות פון ספרים הק', וועלכע שמועסן אויס די באַדייט פון ריכטיגע בטחון.

### דער בעל בטחון וויל נישט גאָרנישט

אין דעם ספר **המספיק לעובדי ה'** פון רבי **אברהם בן הרמב"ם**, איז ער מגדיר די משמעות פון בטחון: **"שיפקיד האדם את ענייניו או אחד מהם, לידי ה' יתעלה, ויערטל עצמו מכל צפיה ותשוקה, עד שאחת היא לו אם ישיג דבר שהוא משתוקק אליו או אם ישיג ההיפך ממנו, ונמצא מסתפק במה שגוזר ועושה ה' יתעלה"**.

דאס הייסט אז טייטש פון בטחון איז ווען דער מענטש גיט איבער פאַר'ן באַשעפער אַלע זיינע ענינים, אָדער איינס פון די ענינים וואו ער מוטשט זיך. דער מענטש טוט זיך גענצליך אויס פון יעדע סאָרט האָפענונג אָדער פאַרלאַנג. **ער האָט נישט קיין שום ווילן. ס'איז אים נישט קיין שום חילוק אויב ער גייט באַקומען די זאַך וואָס ער האָט געוואָלט אָדער אויב ער וועט עס נישט באַקומען.** ער באַגענוגט זיך מיט וואָס דער רבוש"ע האָט מחליט געווען פאַר אים.

רבי אברהם בן הרמב"ם לערנט אונז אַז דער בעל בטחון האָט אַ פולקאָמע צוטרוי אין דעם אויבערשטן: וואָס דער אויבערשטער טוט איז מיר גוט, ווייל ער ווייסט בעסער פון מיר וואָס איז מיין טובה! דער רבוש"ע איז אַ גרעסערער טוב ומטיב פון מיר, ער ווייסט אַלע חשבונות פון דעם עבר, הוה און עתיד, במילא וויל איך גאָרנישט נאר וואָס דער אויבערשטער וויל!

### די געפיל פון דעם בעל בטחון -כגמול עלי אמו

אויך דער **בית הלוי** שמועסט אויס אין זיין מאמר הבטחון אַז די געדאַנק פון בטחון איז ווען דער מענטש איז זיך אינגאַנצן מבטל זיין רצון, ער האָט נישט קיין שום אייגענע האָפענונג, ער וויל בלויז וואָס דער אויבערשטער וויל.

מיט דעם טייטשט דער בית הלוי דעם פסוק: **"אם לא שויתי ודוממתי נפשי כגמול עלי אמו"**. דאָס וואָרט 'נפש' איז אַ לשון פון 'ווילן' (ווי ס'שטייט אין פסוק 'אם יש את נפשכם'). דוד המלך זאָגט אין תהלים **'ודוממתי נפשי'** - איך האָב אָפּגעשטילט מיין ווילן, איך האָב משתיק געווען אַלע מיינע רצונות. **'כגמול עלי אמו'** - פונקט ווי אַ קינד וואָס האָט יעצט געענדיגט זייגן פון דער מאַמע. ('כגמול' איז אַ לשון פון ענדיגן זייגן, 'ביום הגמל את יצחק').

ווען אַ קינד האָט געענדיגט עסן פון זיין מאַמע האָט ער יעצט ניטאַמאָל קיין רצון צו עסן אַליין, ווייל דאָס קינד איז צוגעוואוינט אַז די מאַמע גיט אים אַריין אין מויל, אויב זיין מאַמע גיט אים נישט וויל ער נישט. **ער ווייסט בכלל נישט וואָס דאָס מיינט נעמען אַליין עסן. ער ווייסט איין זאַך "די מאַמע גיט מיך עסן"**.

פונקט אַזוי איז געווען די בטחון פון דוד המלך ע"ה: **ער האָט אפילו גאָרנישט געוואָלט**, נאָר ער האָט זיך גענצליך מבטל געווען פאַר'ן רצון ה', וואָס דער אויבערשטער וויל דאָס איז אויך מיין רצון!

אויך דער חובת הלבבות שמועסט אויס די נקודה אין שער הבטחון סוף פרק ז' אַז דער בעל בטחון איז אינגאַנצן מבטל אַלע זיינע רצונות און ער וויל גאָרנישט בלויז וואָס דער רבוש"ע טוט מיט אים.

### פאַרוואָס דאַרף מען דאַווענען?!

אַז מ'לערנט אַזעלכע יסודות ווערט דאָך גלייך שווער: אויב אַזוי וואָס מיינט דאָס תפלה? פאַרוואָס דאַרף מען בכלל דאַווענען? מיר דאַרפן דאך גלייבן אַז דער אויבערשטער האָט אַלעס געטון אויפ'ן בעסטן אופן וואָס איז נאָר שייך, אויב מען וויל איין וועג בעסער ווי די אַנדערע איז דאך עס אַ חסרון אין בטחון, נו וויאַזוי קען מען דאַוונען?! וויאַזוי שטימט די צוויי זאַכן פון בטחון מיט תפלה?!

אפילו אויב מ'וועט זאָגן אַז די מדריגה פון בטחון איז טאַקע גאָר אַ הויכע מדריגה וואָס מ'דאַרף אַרבעטן דאָרט אָנצוקומען, איז אָבער נאָך אַלס שווער: אויב איינער האַלט שוין יאָ ביי יענע הויכע מדריגה פון זיין אַ ריכטיגער בעל בטחון איז ביי אים דען בטל געוואָרן די מצות עשה פון דאַווענען?! אידן וואָס האָבן אמת'ע בטחון האָבן נישט די מצוה פון תפלה?!

וויאַזוי איז מען מסדר די צוויי זאַכן; אויב מ'דאַרף מבטל זיין אַלע רצונות דעמאָלט פאַרוואָס דאַרף מען דאַוונען?! און באמת ווייסן מיר דאך אַז דער רצון ה' איז אַז מ'זאָל טאַקע יאָ דאַווענען, בפרט בעת צרה, ווען לכל הפוסקים איז די תפלה אַ דאורייתא ממש!

### פאַרוואָס דער חתם סופר האָט נישט געבעטן אויף זרע של קיימא

נאָך אַ שאלה: ס'איז ידוע אַז דער הייליגער **חתם סופר** זי"ע האָט זיך אויסגעדרוקט אַז ווען זיין זיווג ראשון האָט געלעבט האָט ער נישט מתפלל געווען פאַר זרע של קיימא, ווייל ער האָט געוואוסט אַז פאַר איר איז נישט באַשערט צו האָבן קינדער, און אויב ער וועט מתפלל זיין, קען עס גורם זיין אַז זי זאָל נפטר ווערן יונגערהייט.

הערשט נאָכדעם וואָס די ערשטע רביצין איז נפטר געוואָרן און דער חתם סופר האָט חתונה געהאַט בזיווג שני האָט ער מתפלל געווען אויף קינדער און ער האָט טאַקע זוכה געווען צו מעמיד זיין די הייליגע דורות פון גאונים וצדיקים.

לכאורה זעט מען פון די מעשה אַז ס'איז דאָ אַזאַ מושג אַז אויב די זאַך איז נישט באַשערט דעמאָלט

זאָל מען נישט דאַווענען דערפאַר. מ'זעט אויך די נקודה אין **אור החיים הק'** (פרשת נח) אַז אַמאָל איז דער רצון ה' אַז דער מענטש זאָל נישט מתפלל זיין ווייל די זאַך איז נישט גוט פאַר אים.

## דער רבוש"ע ווארט אויף אידישע תפלות

פון דער אַנדערער זייט ווייסן מיר דאך דעם מאמר חז"ל (יבמות סד, א) **מפני מה היו אבותינו עקורים? מפני שהקב"ה מתאוה לתפלתן של צדיקים!** דער רבוש"ע האָט געמאַכט אַז די אבות הק' זאָלן נישט גלייך האָבן קיין קינדער, ווייל ער האָט געוואָלט הערן זייערע דאַווענען און ער האָט געוואָלט אַז ס'זאָל געשען די קרבת אלקים וואָס קומט אַרויס פון אַזעלכע תפלות מיט אַ צעבראָכנקייט.

שטעלט זיך די שאלה: למען ה'! וויאַזוי דאַרף דער פשוט'ער איד אין אונזער דור וויסן וואָס זיין תפקיד איז?!

אפשר דאַרף ער יאָ זיך מתאמץ זיין מיט תפלה ווייל ער איז אין דעם גדר פון "הקב"ה מתאווה לתפלתו", אָבער אפשר איז ער פון די אידן וואָס דאַרפן זיך פירן אַזוי ווי דער חתם סופר און נישט מתפלל זיין נאָר אָננעמען באהבה דעם רצון ה', ערלעדיגט, אָבער זאָג מיר כאָטש... זאָל מען אים מודיע זיין פון הימל אַז ער איז פון די מענטשן וואָס דאַרפן אַרבעטן בלויז אויף בטחון, אַזוי וועט ער וויסן אין וועלכע ריכטונג צו גיין.

## דאָס בלבול המח וואָס די שאלה קען גורם זיין

דער מענטש ווערט אַזוי צעמישט פון אַזעלכע סתירות. ווייל ווען ער פרובירט צו מקבל זיין באהבה דעם מצב טראַכט ער גלייך: "דער אויבערשטער וויל אַז איך זאָל דאַווענען". און ווען ער שטעלט זיך דאַווענען קען ער אויך נישט דאַווענען געהעריג ווייל "אפשר דאַרף איך ענדערש נישט דאַווענען"... וויאַזוי קען אַ מענטש וויסן וואָס זיין עבודה איז?!

השי"ת זאל אודאי העלפן אַז אַלע אידישע קינדער זאלן זיין געזונט און שטאַרק, אָבער וויפיל מאָל מאַכט זיך ליידער אַז ס'איז דאָ אַ חולה מסוכן איז שפּיטאָל, די מצב איז אָנגעשטרענגט און די דאָקטוירים דערשרעקן זייער שטאַרק. און דאָ שטייען די אַרומיגע און זענען צעריסן צווישן צוויי זייטן.

מצד אחד, ווייסט מען אַז תפלה קען איבערדרייען יעדע מצב, **אפילו חרב חדה מונחת על צווארו של אדם אל יתייאש עצמו מן הרחמים**; אפשר וויל דער רבוש"ע אַז מ'זאָל זיך נישט צוהערן וואָס דער דאָקטער זאָגט, נאָר ווייטער איינרייסן הימלען מיט תפלה. אפילו אויב די דאָקטוירים זאָגן אַז ס'איז געבליבן עטליכע שעה און מ'דאַרף זיך שוין צוגרייטן אויפ'ן אַרגסטן, ווייל דער אויבערשטער אַז מ'זאָל גלייבן באמונה שלימה אַז תפלה קען נאָך טוישן דעם גאַנצן מצב.

מצד שני, אפשר וויל דער רבוש"ע אַז מען זאָל מקבל זיין די גזירה מיט אַ שמחה און מ'זאָל גלייבן אַז דאָס איז די בעסטע זאַך וואָס קען זיין.

דער מענטש האָט דאָך נישט קיין רוח הקודש, ווייסט ער נישט וועלכע וועג ס'איז די ריכטיגע. איז ער סתם מבולבל און צעמישט. בשעת ער זאָגט תהלים טראַכט ער: "זיי רעאַליסטיש, מ'דאַרף זיין מיט צוויי פיס אויף דער ערד, מ'דאַרף וויסן אַז דאָס איז דער מצב און מקבל זיין דעם רצון ה' באהבה". און בשעת ער פרובירט זיך מחזק צו זיין טראַכט ער: "פאַרוואָס ביזטו זיך מייאש?! מ'דאַרף איינרייסן מיט דאַווענען! אפשר אויב דו וואָלסט געדאַוונט מער וואָלסטו יאָ געקענט פועל'ן אַ ישועה?!"

מען ווערט דאָך אַזוי צעבראָכן און צעשטאָכן פון אַזעלכע מחשבות. יעדעס מאָל וואָס מען פרובירט זיך מחזק זיין, סיי אויף בטחון און סיי אויף תפלה, ברענגט דער יצר הרע די אַנדערע זייט פון דער מטבע. די שאלה איז: וויאַזוי קען טאַקע דער מענטש וויסן וואָס ער דאַרף טון?!

## קיין שום קינד ווערט נישט געבוירן מיט אַ פעלער

לעצטנס איז אויסגעקומען צו זאָגן אַ דרשה בעניני חינוך, האָט מען בתוך הדברים דערמאָנט אַז לויט ווי עס שטייט אין ספרים הק' דאַרף מען געדענקן אַז ס'איז נישטאָ אַזאַ מושג אויף דער וועלט פון אַ קינד וואָס איז באַשאַפן געוואָרן מיט אַ 'דיפעקט'. ווייל דער רבוש"ע באַשאַפט דאָך אַלעס מיט אַ פולקאָמע שלימות אָן קיין שום חסרון.

איי, דאָס קינד האָט אַזאַ סאָרט חסרון אָדער אַן אַנדערע סאָרט פעלער, און ער איז נישט אויסגעשטעלט צו קענען לערנען געהעריג?! דאָס באַדייט נישט אַז ער איז נישט געבוירן בשלימות, **דאָס מיינט בסך הכל אַז דו האסט זיך איינגערעדט אַז ער האָט איין סאָרט תפקיד, אָבער באמת האָט ער גאָר אַן אַנדערע תפקיד, וואָס פאַר יענע סאָרט תפקיד איז ער טאַקע אַ מושלם!** די עלטערן דאַרפן זיך פשוט צושטעלן צום פּלאַן פון דעם רבוש"ע, וועלן זיי זען אַז ער איז אַ מושלם'דיגע קינד און אַז די אַלע חסרונות נעמט נישט אַוועק פון זיין שלימות'דיגע תפקיד.

דער **חובת הלבבות** זאָגט נאָכמער, אַז אַמאָל קען זיין אַ קינד וואָס ווערט געבוירן ל"ע נישט געזונט בנפש אָדער במח, און זיין גאַנצע תפקיד אויף דער וועלט איז אַז אַנדערע מענטשן וואָס זען אים, זאָלן נתעורר ווערן צו דאַנקן דעם אויבערשטן אַז זיי זענען יאָ געזונט און זיי זאָלן מכיר זיין די טובה פונעם אויבערשטן. אויף דעם אופן איז דאָס קינד ממלא זיין תפקיד מיט אַ שלימות!

ווען עלטערן זענען זיך מתייחס צו זייער קינד אויף אַזאַ אופן, וואוסנדיג אַז ער איז באַשאַפן געוואָרן מיט'ן בעסטן שלימות פאַר זיין תפקיד, דעמאָלט ווערן זיי נישט צעבראָכן און אויפגערעגט אויף זייערע שוועריגקייטן און **דורכדעם אליינס קען מען אים אַסאַך אויפבויען!** די עלטערן וועלן זיין צופרידן און דאָס קינד וועט זיין צופרידן, ער וועט קענען זיין אַן עובד ה' לויט זיין תפקיד וואָס מ'האָט אים באַשטימט פון הימל.

## דאַרף מען דען נישט דאַווענען פאַר די הצלחה פון קינדער?!

נאָכ'ן שיעור איז צוגעקומען אַ טאַטע, אַ חשוב'ער איד, וואָס האָט געפרעגט: וויאַזוי קען מען זאָגן אַזאַ כלל, ס'איז דאָך דאָ אַזויפיל מעשיות פון גדולי ישראל וואָס יונגערהייט האָבן זיי נישט געהאַט די כלים צו אויסשטייגן אין לערנען, אָבער זייערע עלטערן האָבן געלאָזט הייסע טרערן מיט אַסאַך תפלות און אַדאַנק די תפלות האָט זיך טאַקע שפּעטער געעפנט דאָס האַרץ פון די קינדער?!

אפשר איז די תפקיד פון עלטערן צו איינרייסן וועלטן אַז מען זאָל יאָ זוכה זיין אַז דאָס קינד זאל אויסוואַקסן אַ תלמיד חכם?! און מ'זאָל דוקא נישט זיין צופרידן אַז ער וועט אויסוואַקסן אַ פיינער באַלעבאָס? וויאַזוי קען מען וויסן וואָס איז די ריכטיגע וועג?! פון איין זייט, **אפשר איז דאָס קינד'ס תפקיד צו זיין אַן ערליכער איד לויט זיינע באַגרעניצטע מעגליכקייטן**, אָבער פון דער צווייטער זייט, **אפשר האָט דער רבוש"ע געמאַכט דעם גאַנצן נסיון כדי אַז די עלטערן זאלן נאָס מאַכן דעם תהלים'ל און אויפשטייגן פאַרטאָגס מתפלל זיין מיט בכיות**, ביז זיין מח און האַרץ וועט זיך עפענען, ווי ס'איז געווען אַסאַך מעשיות ביי גדולים וצדיקים?

באמת איז דאָס טאַקע נישט קיין פשוט'ע סוגיא, און מ'בעט אַ תפלה אויף סייעתא דשמיא אַז מ'זאָל כאָטש קענען אַביסל קלאָרער ווערן אין דעם ענין, צו וויסן די ריכטיגע מהלך אין דעם ענין.

ב

# קבלה דיסורי שתיקותא ומבעי רחמי; צו קענען ריכטיג מתפלל זיין דאַרף מען האָבן אַסאַך 'הכנעה'

## די צוויי מהלכים ביי יעדע צרה; קבלת יסורים מיט תפלה

די גמרא אין **מסכת ברכות** (דף סב, א) זאָגט אַ מורא'דיגע כלל אין געציילטע ווערטער, וואָס שטעלט אַראָפּ דעם יסוד הדברים וויאַזוי צו רעאַגירן בשעת אַ פּראָבלעם ל"ע.

די גמרא זאָגט דאָרט: "**קבלה דיסורי - שתיקותא ומבעי רחמי**".

רש"י איז מפרש אַז 'קבלה' איז טייטש אַ 'מסורה'. חז"ל האָבן געהאַט אַ מסורה מיט אַ מהלך וואָס צו טון ווען מען טרעפט זיך אין אַ מצב פון יסורים. וואָס טוט מען אויב מ'האָט ח"ו אַ קינד וואָס איז נישט מצליח אין חינוך, ס'איז דאָ חלילה אַ חולה מסוכן, מ'וואַרט אויף זרע של קיימא, און אַזוי ווייטער אַלע סאָרט גרעסערע און קלענערע יסורים.

די מהלך פון חז"ל איז צוערשט: "**שתיקותא**" - מ'זאָל מקבל זיין די יסורים באהבה, מ'זאָל נישט זיין בועט ביסורים. און דערנאָך: "**ומבעי רחמי**" - מען זאָל מתפלל זיין אַז דער אויבערשטער זאל אַוועקנעמען די יסורים.

דאָס הייסט אַז מ'דאַרף אַלעמאָל האָבן ביידע זאַכן. די גמרא זאָגט נישט קיין שום יוצא מן הכלל. אייביג, ביי אַלע סאָרט אופנים דאַרף מען טון ביידע זאַכן. צוערשט מקבל זיין די יסורים באהבה, און דערנאָך מתפלל זיין.

## קבלת יסורים אויפ'ן עבר; תפלה אויפ'ן עתיד

ווען מען לערנט עס פשוט זענען די ספרים מסביר אַז דער מענטש דאַרף מחלק זיין צווישן דעם 'עבר' און דעם 'עתיד'.

ווען מען רעדט וועגן די יסורים, וואָס איז שוין געשען ביז די מינוט, דאַרף מען פולקאָם מקבל זיין די יסורים באהבה מיט אַ מוראדיגע שמחה און צופרידנקייט. אַלעס וואָס איז געווען ביז יעצט איז געווען דאָס בעסטע זאַך און מ'דאַרף דאַנקען דעם אויבערשטן דערויף מיט אַ געוואַלדיגע אמונה כלפי דעם 'עבר'.

ווידעראום כלפי דעם 'עתיד' דאַרף מען וויסן אַז אַלעס קען זיך טוישן און מ'דאַרף מתפלל זיין 'הראינו ה' חסדך', אַז מ'זאָל שוין זען דעם 'טוב הנגלה', ס'זאָל שוין קומען די ישועה בשלימות.

## די שוועריגקייט צו מקבל זיין יסורים באהבה אין אַן אַנגייענדע מצב

בדרך כלל האָבן מענטשן אַ טעות, אַז זיי טיילן אָפּ דעם 'עבר' מיט דעם 'עתיד' נאָר ביי אַזעלכע פעלער וואו די צרה האָט זיך שוין געענדיגט. ס'האָט שוין ח"ו פּאַסירט דער אומגליק. מ'האַלט שוין לאחר המעשה, דעמאָלט קען ער זיך מחזק זיין צו מקבל זיין דעם גזר דין באהבה. ער מאַכט די ברכה פון 'ברוך דיין האמת', און ער שטאַרקט זיך מיט דער אמונה אַז 'קל אמונה ואין עול צדיק וישר הוא', ס'איז געווען די בעסטע זאַך וואָס ס'האָט געקענט זיין.

אָבער אַנדערש איז ווען אַ מצב האַלט נאָך אינמיטן, ווען מען מוטשט זיך מיט אַן אַנגייענדע צרה, וואָס ס'איז נאָכנישט קלאָר די רעזולטאַטן. דער רבוש"ע קען העלפן יעדע מינוט, און מ'וואַרט אויף אַ ישועה, מען טוט השתדלות מיט תפלות צו טוישן דעם מצב. דער דאָקטער קומט אַריין און זאָגט זיין אָפּשאַצונג/ דער מחנך רופט אָן און זאָגט זיין מיינונג, **דעמאָלט איז אַסאַך שווערער צו אָפּטיילן צווישן דעם 'עבר' מיט דעם 'עתיד'**. ווייל ס'איז אַן אַנגייענדע מצב.

## קבלת יסורים באהבה אפילו אינמיטן די צרה

אַ איד דאַרף אָבער יאָ קענען מחלק זיין אַז דער 'עבר' און דער 'עתיד' זענען צוויי באַזונדערע זאַכן וואָס האָבן נישט קיין שייכות, אַפילו ווען מען האַלט נאָך אינמיטן די צרה! כלפי דעם עבר דאַרף ער האָבן די צוגאַנג פון **"שתיקותא"**, קבלת יסורים באהבה, און כלפי דעם עתיד דאַרף ער האָבן די עבודה פון **"ומבעי רחמי"**.

דער מענטש דאַרף קענען זאָגן: ביז יעצט האָב איך זיך געמוטשט און איך דאַנק השי"ת דערפאַר, ווייל איך ווייס אַז לויט מיין מצב און לויט מיין מדריגה האָט דער אויבערשטער אויסגעקליבן דאָס בעסטע פאַר מיך און איך בין דאָס מקבל באהבה עד קצה האחרון! איך דאַנק אים אויף יעדע משהו יסורים וואָס איז געווען ביז יעצט! אָבער אויף ווייטער בעט איך אַז דער רבוש"ע זאָל שוין ווייזן זיינע חסדים, הראינו ה' חסדיך אַז מ'זאָל זען בלויז 'טוב הנגלה'!

## תפלה קען טוישן די טבע צו אָפענע רחמים וחסדים

ווען אַ איד איז מתפלל אַזוי קען ער מהפך זיין אַלע יסורים צו אָפענע חסדים, ווי דער הייליגער **תולדות יעקב יוסף** ברענגט אין פרשת נח בשם דעם **בעש"ט הק'**, וועלכער האָט דאָס מקבל געווען פון זיין רבי אחי' השילוני, אַז ווען אַ איד דאַוונט טוישט ער זיין גאַנצע אייגענע מציאות, עס ווערט אַ נייע מצב, און אַז ס'איז דאָ אַ נייע מציאות קען אַלעס ווערן איבערגעדרייט צו 'טוב הנגלה', פון יעצט און ווייטער.

# אַזוי איז געווען די בטחון פון דוד המלך ע"ה: ער האָט אפילו גאָרנישט געוואָלט

אַזוי האָט השי"ת אויסגעשטעלט די וועלט אַז ס'זאָל נאָר קומען שפע דורכדעם וואָס מיר זענען מתפלל, ווי מ'זעט ביי אדם הראשון אַז ווילאַנג ער האָט נישט געדאַוונט איז גאָרנישט געוואַקסן, ווייל דער רבוש"ע וויל אַז מ'זאָל דאַווענען אויפ'ן 'עתיד'. אָבער דאָס האָט גאָרנישט צוטון מיט'ן 'עבר'! **בשעת דער איד דאַוונט אויפ'ן 'עתיד' איז ער גאָרנישט פּאַרווייטאָגט און צעבראָכן אויפ'ן 'עבר'!** ער איז מוראדיג צופרידן און בשמחה וואוסנדיג אַז אַלעס איז לטובתו!

## די עיקר האָבן ערליכע אידן משקיע געווען אין דער הכנעה צו השי"ת

אַצינד שטעלט זיך נאָר די שאלה, וויפיל פּראָצענט מ'זאָל משקיע זיין אין דעם חלק פון "שתיקותא" און וויפיל פּראָצענט אין דעם "מבעי' רחמי".

אַז מ'קוקט זיך אַרום וואָס עס שטייט אין ספרים, און וויאַזוי פּאַרצייטישע ערליכע אידן האָבן זיך געפירט, זעט מען אַז **זיי האָבן געמאַכט אַ געוואַלדיגן עיקר פון דעם חלק פון 'שתיקותא'**; צו מקבל זיין דעם מצב באהבה און זיך מכניע זיין פאַר רצון ה' אפילו ווען ס'איז נישט גרינג און עס טוט זייער וויי.

## אַן קיין אמת'ע קבלת יסורים קען מען נישט ריכטיג דאַווענען

די סיבה דערצו איז ווייל סוף כל סוף איז דאָך דער מענטש אַ בשר ודם און די שוועריגקייטן רירט אים אָן טיף בנפש, במוח ובלב. דעריבער, אויב אַ מענטש איז נישט גענוג משקיע אין דעם חלק פון 'שתיקותא' - צו גלייבן אַז אַלעס וואָס דער רבוש"ע האָט אים געגעבן ביז יעצט איז געווען דאָס בעסטע פאַר אים - **קען ער נאָכנישט גיין צום צווייטן חלק פון 'מבעי' רחמי'!**

ווען עס פעלט אין די קבלת יסורים באהבה, קען מען נישט ריכטיג מתפלל זיין: ערשטנס, ווייל דו האסט נאָכנישט מקיים געווען דעם ערשטן חלק, און צווייטנס ווייל די **'מבעי' רחמי' גייט נישט זיין אויף אַן אויסגעהאַלטענעם אופן!**

אַזאַ איד וועט נישט קענען מצליח זיין צו דאַווענען ריכטיג, **ווייל ס'איז אים נאָך געבליבן אַ טינא בלב אויף דעם מצב וואו ער געפינט זיך**, און ווען ס'איז דאָ אַ טינא בלב רעדט ער נישט צום רבוש"ע מיט די אמת'ע הכנעה וואָס פאָדערט זיך! ער קען נישט ווערן מקושר צו השי"ת דורך זיין תפלה ווייל ס'איז דאָ אַ מחיצה בלב וואָס לאָזט דאָס נישט צו!

## די בעסטע הכנה צו תפלה איז מקבל זיין יסורים מיט אַ ביטול להשי"ת

דערפאַר האָט מען טאַקע געזען ביי ערליכע אידן אַז זייער עיקר עבודה איז געווען אויף דעם ערשטן חלק פון 'שתיקותא' און נאָכדעם איז די חלק פון תפלה שוין געגאַנגען ווי געשמירט.

די 'שתיקותא' איז די בעסטע הכנה צו דער תפלה. דאָס איז נישט אַנדערש ווי דער מושג וואָס מען האָט געזען ביי חסידים אַז די הכנה צו דער מצוה איז געווען גרעסער פון דער מצוה, ווייל דורך די הכנה ווערט די מצוה געמאַכט ריכטיג. צום ביישפיל פאַרציילט מען אַזוי אויף הרה"ק מקאָצק זי"ע און אַנדערע צדיקים אַז די הכנה צום דאַווענען האָט געקענט געדויערן אַכט שעה און דאָס דאַווענען אַליין האָט גענומען אַ האַלבע שעה.

## דאָס וויכטיגקייט פון מאַכן די ריכטיגע הכנה צו אַ דאַווענען

די רעיון וואָס ליגט אונטער דעם מושג פון 'הכנה לתפלה' איז אַז ווען מ'דאַרף אָנשטעלן אַ האַרץ, אַז ס'זאָל אַרבעטן גוט בשעת מען דאַוונט, איז די עיקר עבודה לאו דוקא ביים דאַווענען! מען דאַרף שוין פאַר'ן דאַווענען אַנגרייטן דאָס האַרץ מיט די ריכטיגע הכנה, און נאָכדעם וואָס דאָס האַרץ איז שוין אָנגעשטעלט, דעמאָלט וועט שוין דאָס דאַווענען זיין אַ ריכטיגע תפלה, ווייל ס'איז געווען דאָ אַ געוואַלדיגע השקעה!

צום ביישפיל: ווען איינער וועט אָנקומען צום דאַווענען נאָכ'ן גיין שלאָפן שפעט ביינאַכט צוליב זיין פאַרנומען אויפ'ן טעלעפאָן מיט נאַרישקייטן, ער האָט זיך נישט געלייגט ווי אַ איד און ער איז אויפגעשטאַנען שפעט, אַצינד גיט ער אַ פאַל אַריין צום דאַווענען ביי 'ברוך שאמר', אפילו ער גייט אָנהויבן צו פּרובירן אַריינלייגן כוחות אין די כוונת התפלה וועט עס בדרך כלל נישט זיין דאָס בעסטע דאַווענען, אפילו אויב ער גייט זיך שטאַרק אָנשטרענגען און זיך שאָקלען שטאַרק!

די ריכטיגע אופן פון תפלה איז ווען מען גרייט זיך שוין צו אַ נאַכט בעפאָר; מען לייגט זיך ווי אַ איד בקדושה ובטהרה, מיט אַ התבונות פון חשבון הנפש; מען שטייט אויף אינדערפרי און מען גרייט זיך צו מיט אַ ברכת השחר, מיט אַ תפלה פון ר"ר אלימלך, מיט אַפּאָר קאַפּיטלעך תהלים, מיט גמרא תוספות און מיט אַ ריכטיגע הכנעה צום אויבערשטן; נאָכדעם שטעלט מען זיך דאַווענען. **אַצינד דאַרף מען שוין נישט אַראָפּלייגן אַזאַ שווערע האָרעוואַניע בשעת דעם דאַווענען זעלבסט**, ווייל דאָס האַרץ איז שוין אויסגעאיידלט געוואָרן פון דער הכנה.

**די זעלבע זאַך איז ביי דעם ענין פון תפלה בשעת צרה!** מען האָט געזען ביי ערליכע אידן ווען זיי זענען דורכגעגאַנגען שוועריגקייטן אַז זיי האָבן זייער שטאַרק געאַרבעט אויף זיך צו אָננעמען דעם מצב, צו גלייבן אַז דאָס איז די בעסטע זאַך וואָס ס'קען זיין. דאָס איז געווען זייער הכנה לפני התפלה, אַזוי אַז שפּעטער ווען זיי האָבן געבעטן אַ תפלה פון 'הראינו ה' חסדיך' האָבן זיי דאָס געזאָגט מיט אַזאַ סאָרט הכנעה, מיט אַזאַ ריינע האַרץ, נאָכ'ן משקיע זיין אַזויפיל אין די ריכטיגע הכנה פון קבלת יסורים באהבה!

# מרבים בשמחה

**וישמחו כל חוסי בך לעולם ירננו;**

שמחה אַלעמאָל ווייל מ'געפינט זיך אין די הענט פון הקב"ה

חלק ב' - יום ראשון כי תשא, י"ב אדר תשפ"ג

א

# ונאמן אתה להחיות מתים; אַלע שוועריגקייטן פירן צו דער ישועה

## תחיית המתים געשעט אַגאַנצע צייט

אין דעם ערשטן דרוש פון ספה"ק **יערות דבש** (לר"ח אלול), איז דאָ אַ גרויסע אריכות צו מבאר זיין די טייטש פון יעדע ברכה באַזונדער פון גאַנץ תפלת שמונה עשרה. ביי דער ברכה פון 'אתה גבור' זאָגט דער יערות דבש פשט אַז די הבטחה וואָס דער רבוש"ע האָט אונז געגעבן אויף 'תחיית המתים', איז נישט בלויז אויף די גרויסע תחיית המתים וואָס וועט זיין לעתיד לבא, נאר די הבטחה איז אַז דער רבוש"ע מאַכט תחיית המתים די גאַנצע צייט, אויך אויף די לעבעדיגע מענטשן!

וואָס איז טייטש תחיית המתים?! די עומק פון תחיית המתים איז אַז אַלעס וועט צוריקקומען צום חיות. אַלע ענינים פון 'העדר', אַלע ענינים פון שוועריגקייטן, אַלע זאַכן וואָס זענען אין אַ מצב פון שוואַכקייט, וועלן צוריק באַקומען זייער חיות. פאַרשטייט זיך אַז די גרויסע תחיית המתים וועט זיין אויף אַ געוואַלדיגן אופן, ווען אפילו די טויטע וועלן באַקומען אַ נייע חיות, אָבער אויך היינט איז אַלעמאָל דאָ תחיית המתים אויף אַ קלענערן פאַרנעם.

## אַלע ישועות קומען פון תחיית המתים

אידישע קינדער האָבן אמונה און דאַנקן דעם אויבערשטן אַז ער איז אַ 'סומך נופלים', אַ 'מתיר אסירים' און אַ 'רופא חולים', ווייל דאָס איז אַלעס נכלל אין דער הבטחה אַז דער רבוש"ע מאַכט לעבעדיג און ברענגט חיות פאר דער וועלט!

דער רבוש"ע זאָגט אַזוי: איך מאַך אַז ס'זאָל זיין 'נופלים', איך מאַך אַז ס'זאָל זיין 'חולים', איך מאַך 'אסירים', ווייסט פאַרוואָס?! ווייל דורכדעם וועט אַרויסקומען מיין מדה פון 'סומך נופלים', 'רופא חולים' און 'מתיר אסירים', **וואָס די אַלע ישועות זענען תולדות פון דעם גרויסן ענין פון תחיית המתים!**

דער רבוש"ע האָט מבטיח געווען אַז אַלעס גייט אין ריכטונג פון תחיית המתים. די גאַנצע מהלך פון דער וועלט גייט אין יענעם ריכטונג, צו אַריינבלאָזן אַ נייע חיות אין דער בריאה. יעדעס מאָל וואָס דו זעהסט זאַכן גייען מיט'ן קאָפּ אַראָפּ, זאָלסטו וויסן אַז השי"ת האָט באַשאַפן דעם חושך, **כדי אַז ער זאָל דאָרט קענען אַריינשיינען אַ ישועה.** ומצמיח ישועה ומקיים אמונתו!

## אַ מעשה מיט נישט געלונגענע תבואה

ס'איז דאָ זייער אַן אינטערעסאַנטע תורה פון הייליגן **רוזינער** זי"ע, וואָס איז געדרוקט אין ספר **'עירין קדישין'** אויף פורים. ער ברענגט דאָרט אַז אין די ספרי הרמב"ם שטייט אַ מעשה ווי פאָלגנד:

אַמאָל איז געווען אַ תקופה וואָס ס'איז געווען אַסאַך שווערע מקרים אויף דער וועלט. זאַכן האָבן נישט געטויגט, ס'איז נישט געווען קיין שפע. איז געקומען איין 'מלאך מליץ' און ער האָט זיך אָנגעטראָגן אַז ער וויל זיין דער ממונה וואָס זאָל ברענגען שפע פאר דער וועלט.

דער אויבערשטער האָט אים טאַקע געגעבן רשות און דער מלאך האָט אָנגעהויבן ברענגען שפע. יענע יאָר איז ווירקליך געקומען אַסאַך רעגן און די תבואה זענען געוואַקסן ברייט און אַסאַך. ס'האָט אויסגעזעזן אַז דער מלאך האָט באַוויזן צו ברענגען אַ גרויסע שפע.

אָבער שפּעטער, ווען מען האָט גענומען די תבואה און מען האָט געמאַכט ברויט דערפון, זענען די אַלע ברויט צעפאַלן אויף ברעקלעך. ס'האָט זיך נישט געקענט גוט האַלטן. די תבואה האָט טאַקע אויסגעקוקט געוואַלדיג אָבער למעשה האָט מען נישט געקענט מאַכן דערפון קיין ברויט, עס האָט זיך ממש נישט געקענט צאַמהאַלטן.

האָט דער מלאך באַקומען דערפון אַ שטאַרקע חלישות הדעת און ער האָט געפרעגט פון דעם רבוש"ע מיט אַ צער: פאַרוואָס איז דאָס געשען?!

דערויף האָט דער אויבערשטער אים געענטפערט אַז די סיבה דערצו איז וויבאַלד אַז ווען איך ברענג אַ שפע אויף דער וועלט אַרבעט עס אויף אַן אופן אַז בעפאָר די קערענדלעך הייבן אָן וואַקסן ווערט דאָס צוערשט פאַרפוילט אין דער ערד. ס'איז קודם דאָ אַ 'העדר', אַ חסרון, און דאָס ברענגט אַריין אין די תבואה אַ ספּעציעלע 'רוח' און אַ 'כח', וואָס מאַכט אַז שפּעטער זאָל קענען ווערן דערפון גוטע ברויט וואָס זאָל זעטיגן דעם מענטש.

אָבער דו - האָט השי"ת אויסגעפירט פאַר'ן מלאך - האסט געוואָלט אַז די שפע זאָל קומען אָן קיין שום 'העדר' פון אָנהויב. דו האסט געמאַכט אַז די תבואה זאָלן גלייך וואַקסן **אָנדעם וואָס ס'זאָל קודם ווערן פאַרפוילט**. אין אָנהויב האָט עס טאַקע אויסגעקוקט געוואַלדיג אָבער למעשה האָט די תבואה נישט געהאַט די ספּעציעלע כח וואָס קומט נאר 'מחמת העדר', און דערפאַר קוקט עס אויס אַזוי. עס דוכט זיך אַז ס'איז קאַלירפול און בליטשקעדיג, אָבער ווען ס'קומט בפועל קען עס נישט זעטיגן, ס'קען נישט ברענגען קיין חיים פאַר'ן מענטש. - אַזוי ברענגט דער רוזינער פון די ספרי הרמב"ם.

## די 'חיות' וואָס קומט דווקא פון דעם 'העדר'

ס'ליגט דאָ אַזאַ פלאַ'דיגע עומק! מיר זאָגן ביי די ברכה פון 'אתה גבור' אַז דער רבוש"ע איז 'מצמיח ישועה'. וואָס מיינט דאָס?! מצמיח ישועה מיינט אַז דער רבוש"ע האָט קודם באַשאַפן אַלע סאָרט גבורות און פראָבלעמען, אתה גבור לעולם ה', דער רבוש"ע האָט באַשאַפן 'העדר', ער האָט באַשאַפן 'נופלים' מיט 'חולים' און 'אסורים', און ער האָט געמאַכט אַזאַ מציאות פון 'מתים', ער האָט באַשאַפן חטא, ער האָט באַשאַפן די אַלע שווערע זאַכן, **ווייל שפּעטער, גייט אין די אַלע זאַכן אַריינגיין אַ געטליכקייט און עס גייט אַרויסוואַקסן דערפון אַ ישועה!**

אויך ביי די כללות'דיגע תחיית המתים גייט קומען די חיות פון אַ באַהאַלטענע פלאַץ, ווייל אין אונזער עולם הטבע איז נישטאָ אַזאַ מציאות אַז אַ 'מת' זאָל קענען באַקומען 'פרישע חיות'. אָבער לעתיד לבא וועט נתגלה ווערן אַז דער רבוש"ע גייט נעמען דעם 'העדר' פון מיתה און ער גייט דורכדעם מאַכן אַ תחיית המתים! און באמת איז אָט די חיות, וואָס גייט דעמאָלט אַראָפּקומען, טאַקע די גאַנצע תכלית פון דעם חושך און 'העדר' פון דער וועלט.

## די שמחה וואוסנדיג אַז אין יעדע פּראָבלעם ליגט אַ געוואַלדיגע עתיד

ווען מען ווייסט פון דעם יסוד קען מען שמייכלען אפילו ווען מען זעט אַ צרה, אפילו ווען מען זעט אַ חורבן בית המקדש, אַזויווי רבי עקיבא וואָס איז געווען 'מצחק' ווען ער האָט געזען 'שועלים הלכו בו', ווייל דער איד פאַרשטייט אַז **די 'העדר' גייט ברענגען אַ בעסערע זאַך.** ער פאַרשטייט אַז דער רבוש"ע האָט באַשאַפן אַ פראָבלעם כדי אַז ס'זאָל נאָכדעם אַרויסקומען פון דאָרט אַ גוטע זאַך.

ווען אַ מענטש לעבט מיט דער ידיעה אַלעמאָל, אַז דער אויבערשטער פירט מיך ערגעץ צו אַ גוטע פלאַץ; איך ווייס נישט וואו; איך טראַכט נישט אויף וועלכע צורה ער גייט מיך טראָגן; איך ווייס בלויז אַז דער מהלך וואו השי"ת פירט מיך איז אַ מהלך וואָס גייט צו 'טוב', דעמאָלט איז דער מענטש בשמחה!

פאַרוואָס איז ער אַזוי בשמחה? נישט ווייל ער איז זיך מחזק אַז אַ מינוט אַרום גייט ער שוין קענען שפּירן דעם טוב. נאר ווייל **ער איז צופרידן צו זיין אויף דעם יעצטיגן מהלך**, ער האָט הנאה צו זיין אויף דעם וועג, **"איך בין דאָך אויפ'ן וואָגן פון דעם רבוש"ע! דער אויבערשטער האָט מיך אַרויפגענומען אויף זיין וואָגן און ער פירט מיך אַרום"!**

אַזאַ איד נעמט נישט זיין שמחה פון דעם עתיד, נאָר ער האָט אַן אמת'ע שמחה פון זיין יעצטיגן מצב!

# ומודה על האמת; די זיסע געפיל פון אַנערקענען אַז "איך בין נישט אין קאָנטראָל"

## די ערשטע צוויי סיבות נישט צו מאַכן קיין חשבונות אויפ'ן עתיד

ביז יעצט האָט מען דערמאָנט צוויי סיבות אויף די מצוה פון "תמים תהי' עם ה' אלקיך - ולא תחקור אחר העתידות".

צוערשט, וויל אַזוי קען אַ איד אַלעמאָל זיין בשמחה, ווי דער **מלבי"ם** זאָגט אַז מ'קען נישט זיין אין דער מדריגה פון '**לעולם ירננו**', נאר אויב מען איז אַן אמת'ער '**חוסי בך**'. אויב מען איז כסדר פאַרנומען צו טראַכטן פון דעם 'עתיד', קען מען זיך נישט פרייען מיט 'הוה', און מ'קען נישט אַזוי זיין אַ 'לעולם ירננו'.

די צווייטע סיבה פון תמים תהי' איז וויל מאַכן חשבונות אויפ'ן עתיד איז פשוט אַ טפשות, היות דער מענטשליכער מח קען קיינמאָל נישט משיג זיין די דרכים און מהלכים וויאַזוי דער רבוש"ע גייט אים פירן. די אַלע חשבונות זענען סתם 'ביטול הזמן' אויפ'ן שטאַרקסטן פאַרנעם.

## די מענטשליכע נאַטור וויל שולט זיין אויפ'ן מצב

ס'איז דאָ נאָך אַ סיבה פאַרוואָס די תורה הק' האָט אונז אָנגעזאָגט דעם ציווי פון "תמים תהיה", ווייל יעדעס מאָל וואָס אַ מענטש מאַכט זיך חשבונות אויפ'ן עתיד איז די פשט דערפון אַז 'ער וויל שולט זיין אויף דעם מצב'. ס'ליגט אין דעם אַ געפיל כאילו ער קען עפּעס טון צו טוישן דאָס מציאות.

די טבע פון אַ מענטש איז אַז אַלעמאָל וויל ער קענען זאָגן: "כ'האָב שוין געוואוסט בעפאָר אַז ס'גייט אַזוי זיין... כ'האָב זיך פאַרגעשטעלט... מ'האָט מיך נישט געכאַפּט אין קיין איבערראַשונג... כ'האָב אַלעס געוואוסט שוין לאַנג..." דאָס איז זיין וועג פון האַלטן קאָנטראָל אויפ'ן מצב.

דער מענטש האָט נישט ליב ווען ער האָט עפּעס נישט געוואוסט בעפאָר ס'איז אָנגעקומען. ער פילט זיך אַן אויסגעשפּילטער אויב געשעט אַזאַ זאַך, דערפאַר גלייכט ער צו זאָגן: **"יענער איז אַ חתן געוואָרן? אָה, כ'האָב געוואוסט שוין לעצטע וואָך, מ'האָט מיך געפרעגט אינפאָרמאַציע, כ'האָב געוואוסט פון דעם שידוך"...**

דאָס זעלבע ווען דער מענטש האָט אַן אייגענע דורכפאַל וויל ער אויך שפּירן אַז: "איך האָב געוואוסט דערפון, איך האָב דאָס גענומען אין חשבון". אַ מענטש האָט זייער נישט ליב צו מודה זיין על האמת: "איך ווייס נישט וואָס גייט זיין וועגן דעם עתיד"... ער וויל דוקא יאָ עפּעס טראַכטן איבער דעם עתיד, צו ווייזן אַז ער איז כאָטש אַביסל שולט אויף דעם מצב.

אָבער אַן אמת'ער איד האָט דוקא יאָ אַ געשמאַק צו זיין אין דעם מצב פון "ואני בער ולא אדע בהמה הייתי עמך", ווייל אַזוי געפינט ער זיך תחת כנפי השכינה!

## די נאַרישקייט פון זיך איינרעדן אַז מ'איז שולט אויפ'ן עתיד

מ'קען זען בחוש אפילו ווען מ'קוקט פראַקטיש, חכמת חיים'דיג, וויפיל טפשות עס ליגט אין דעם ווען מענטשן מיינען אַז זיי קענען שולט זיין אויפ'ן עתיד.

דאָ אין ארץ ישראל האַלט מען מיט וויאַזוי יעדע עטליכע טעג שטעלט זיך אויף אַן א.ג. 'מומחה' וואָס מעלדט אַז: "אין די קומענדיגע דריי חדשים גייט דער דאָלער אַרויפגיין". במציאות זענען די אַלע 'מומחים' קיינמאָל נישט מצליח צוצוטרעפן דעם אמת... **אַלעמאָל פּאַסירט פונקט פאַרקערט ווי זיי זאָגן!** אָבער דאָס האַלט זיי נישט אָפּ פון ווייטער פּאָראויסזאָגן: "אויב גייט עס ווייטער גיין אין דעם ריכטונג דעמאָלט גייט אַראָפּגיין נאָך נידריגער און ס'גייט אָנקומען ביז צו 2.08"...

קיינמאָל זענען זיי נישט מצליח צו טרעפן דעם אמת, ווייל דאָס האָט נישט מיט דיר, **קיינער האָט דיך נישט געפרעגט...** ער וויל אָבער נאָך אַלס זאָגן. ער ווייסט ניטאַמאָל וואָס צו זאָגן אָבער ער מוז עפּעס מעלדן. ער דאַרף ווייזן אַז ער ווייסט עפּעס וועגן דעם עתיד.

## די שוועריגקייט צו מודה זיין דעם אמת אַז "איך ווייס נישט"

אין דער תקופה פון קאָראָנאַ איז אויך געווען די אַלע חכמים מחוכמים וואָס האָבן געוואָרנט און געוואוסט אַלע סאָרטן דמיונות וויאַזוי די וועלט גייט אויסקוקן... **זיי האָבן אַלעס פּאָראויסגעזאָגט חוץ דעם אמת.** דער מענטש האָט נישט ליב אַרויסצוזאָגן די פשוט'ע ווערטער: **"איך ווייס נישט!"**

אפילו מענטשן וואָס זענען למעשה געצווינגען צו מודה זיין אַז זיי ווייסן נישט, וועלן קודם געבן אַן הקדמה פון דריי מינוט צו מאַכן אַזאַ רושם כאילו זיי ווייסן וואָס זיי רעדן, און ביים סוף, ווען מען טראַכט אַריין וואָס ער האָט דאָ געזאָגט, זעט מען אַז בעצם האָט ער געזאָגט אַז ער האָט נישט קיין מושג...

> במציאות זענען די אַלע 'מומחים' קיינמאָל נישט מצליח צוצוטרעפן דעם אמת...

דאָס איז די קליפּה פון כוחי ועוצם ידי. ער וויל נישט זיין אין אַ מצב וואו ער איז בכלל נישט שולט אויף גאָרנישט.

## די שמחה פון נישט זיין באַלעבאָס אויפ'ן מצב

דער כלל איז ביי יעדע סאָרט פּראָבלעם און שוועריגקייט אַז ווען דער מענטש געפינט זיך אונטער זיין אייגענע שליטה וועט ער זיין בעצבות; ווידעראום ווען אַ מענטש שפּירט אַז ער איז אונטער די שליטה פון דעם רבוש"ע וועט ער אויטאָמאַטיש ווערן רואיג און בשמחה!

די שמחה קומט נישט ווייל ער זיך מחזק אַז ס'גייט זיין גוט. די שמחה קומט פון אַ געוואַלדיגע צופרידענע געפיל אַז: איך בין נישט בעל הבית! איך בין נישט שולט, נישט אויף מיין משפחה, נישט אויף מיין פרנסה, נישט אויף מיין דירה, נישט אויף מיין מאָרטגעדזש וואָס איך האָב גענומען אָדער איך גיי נעמען, **איך בין נישט בעה"ב אויף קיין שום זאַך נישט!** איך האָב נישט קיין מושג וואָס גייט זיין מיט מיין עתיד! און איך בין נישט בעה"ב אפילו אויף מיין אייגענע גוף!

אָט די מהלך המחשבה איז די ריכטיגע וועג וויאַזוי אַ איד דאַרף לעבן! און דאָס גיט אַזאַ רואיגקייט, ווען מען ווייסט אַז מען געפינט זיך אין דעם וואָגן פון השי"ת.

## נישט ווערן פאַרפירט פון פאַלשע סגולות און הבטחות

מ'דאַרף טאַקע געדענקן אַז די אַלע נוסחאות וואָס מ'הערט כסדר: "אויב דו וועסט אַזוי טון, אויב דו וועסט געבן צדקה פאר די ספּעציפישע אָרגאַניזאַציע, אויב דו וועסט טאַנצן קדוש, דעמאָלט ביזטו מובטח"... דאָס איז אַ שפּראַך וואָס איז נישט געמאַכט פאר אַן ערליכער איד!

מיר זענען 'מובטח' בלויז אויף דער רבוש"ע האָט אונז געזאָגט! דער אויבערשטער האָט אונז מבטיח געווען אַז ווען אַ איד גיט צדקה "כי בגלל הדבר הזה יברכך ה' אלקיך". **דאָס האָב איך אויך געוואוסט איידער דו האסט אויפגעהאָנגען די פּלאַקאַטן!** אויך אָן געבן די עטליכע דאָלער פאר דיין אָרגאַניזאַציע בין איך געווען מובטח אַז דער רבוש"ע גייט מיך העלפן! אויב דו ווילסט מיך בלויז פאַרציילן וואָס דער פסוק זאָגט, האָב איך שוין געוואוסט דערפון אויך אָן די אַלע מאַרקעטינג צעטלעך, און אויב דו ווילסט מיר זאָגן זאַכן וואָס שטייט נישט אין פסוק, דעמאָלט גלייב איך דאָס נישט! **גלייבן גלייב איך בלויז דעם רבוש"ע!**

דאָס מציאות איז אַז ווען אַ מענטש לייגט זיך גענצליך אַריין אין אַ מצב וואו ער האָט נישט קיין שום קאָנטראָל אויף זיין לעבן, איז דאָס די ריכטיגע וועג צו זיין אַלעמאָל בשמחה! אַזאַ איד וויל נישט האָבן קיין קאָנטראָל אויף גאָרנישט, ער גיט זיך איבער אין די רחמנות'דיגע הענט פון דעם גוטן באַשעפער!

# עת כי אפתח פי בנשמת כל חי; פאַרוואָס אַ איד קען לויבן און דאַנקן אין אַלע אומשטענדן

## די גאַנצע עתיד קען זיך טוישן לויט דיינע מעשים

ס'איז דאָ נאָך אַ חשבון פאַרוואָס עס לוינט נישט צו זיין אַ 'חוקר אחר העתיד', ווייל מיר ווייסן דאך אַז די גאַנצע הנהגה, וויאַזוי דער רבוש"ע פירט זיך מיט'ן מענטש, איז אַלעס תלוי וויאַזוי דער מענטש פירט זיך מיט'ן רבוש"ע!

דאָס באַדייט אַז אויב אַ איד טוט תשובה און תיקון המעשים, קען זיך זיין גאַנצע עתיד טוישן אין דעם זעלבן טאָג. נו, אויב אַזוי קען ער דאָך בכלל נישט מאַכן קיין חשבות לפי דעם יעצטיגן מציאות וואו ער געפינט זיך. ווייל ער רעכנט אַלעס אויס לויט די כלים פון יעצט, אָבער **די כלים פון יעצט איז דאָך נישט נוגע אויף אַ מינוט שפּעטער!** וויאַזוי קען מען אפילו פּרובירן צו מאַכן אַ חשבון אויף דעם עתיד?!

## די טאַקטיק פון דעם יצר הרע; זיי פאַרנומען טראַכטן און מאַכן חשבונות

מ'זעט אַז דער יצר הרע האָט אַן אינטערעסאַנטע וועג וויאַזוי צו מאַכן אַז דער מענטש זאל פאַרלירן זיין תורה און זיין ותפלה. וואָס טוט ער? ער מאַכט אַז בשעת'ן דאַווענען זאָל דער מענטש זיין פאַרנומען מיט חשבונות פון זיין לערנען, און בשעת'ן לערנען זאָל ער טראַכטן אַז אַנשטאָט לערנען וויל ער טון מצוות...

דער יצר איז מסכים אַז דער מענטש זאל אַלעמאָל טראַכטן פון גוטע זאַכן, אבי ער זאָל נישט טון ריכטיג דאָס וואָס ער טוט יעצט בשעת מעשה. דאַוון נישט יעצט, טראַכט ענדערש וועגן בלעטער גמרא וואָס דו גייסט לערנען. ווען דו זעצט זיך שוין יאָ ביי דער גמרא, זיי פאַרנומען מאַכן די חשבונות וועלכע מסכתא דו ווילסט אָנהויבן מאָרגן, פאַרצייכן דאָס אויף אַ צעטל; דער עיקר איז אַז דו זאָלסט 'נישט' דאַווענען און 'נישט' לערנען, נאר זאָלסט בלייבן ביים טראַכטן און מאַכן חשבונות.

דאָס זעלבע איז ווען מ'טרעפט זיך אין אַ פּראָבלעם: דער יצר הרע וויל נאָר אַז דער מענטש זאָל זיין פאַרנומען צו טראַכטן וועגן דעם עתיד. אַזוי אַרום האָט דער יצר הרע זיכער פאַרדינט, אַז בשעת דו טראַכסט פון דעם עתיד האָסטו נישט תשובה געטון און האסט זיך נישט געקענט מדבק זיין צום רבוש"ע, ווייל דו ביזט דאך אַזוי פאַרנומען מיט די אַלע חשבונות. פאַר'ן בעל דבר איז דאָס 'הכל רווח'.

## קיינער קען זיך נישט אַרויסדרייען פון זאָגן 'נשמת'

לאָמיר אַלזאָ אויפהערן פאָלגן דעם פּלאַן פון דעם יצר הרע: **הער שוין אויף טראַכטן, פריי זיך ענדערש מיט'ן רבוש"ע, טאַנץ מיט'ן אויבערשטן!**

ס'איז נישטאָ קיינער וואָס קען נישט טאַנצן ווען ס'קומט אַ יום טוב פּורים אָדער אַנדערע הייליגע זמנים, **ס'איז נישטאָ קיין שום איד וואָס קען זיך אַרויסדרייען פון לויבן און טאַנצן צום רבוש"ע!**

מען זעט טאַקע אַז אין קיין שום סידור שטייט נישט אַ קליין שטערנדל אָנהויב פון 'נשמת', מיט אַ הגהה אונטן פונעם בלאַט אַז די תפלה איז נאָר געמאַכט פאר געזונטע מענטשן וואָס האָבן פּרנסה בריווח, אָבער "בבית האבל, או בבית החולה, או בבית של מי שאין לו פרנסה, מדלגין ומתחילין שוכן עד"...

עס שטייט נישט אַזאַ זאַך! פאַרוואָס טאַקע?! לכאורה איז דאָס אַ שטאַרקע קשיא, מען זאָגט דאך אין נשמת "ברעב זנתנו ובשבע כלכלתנו, ומחלאים רבים ונאמנים דיליתנו", נו, פאַרוואָס דארף דאָס יעדער זאָגן?!

נאָכמער, מ'זעט אַז יום כיפּור און תשעה באב ווען ס'איז אסור בנעילת הסנדל, איז דאָ פּוסקים אַז מ'קען דעמאָלט נישט זאָגן די ברכה פון 'העושה לי כל צרכי' און ס'שטייט טאַקע איינגערינגלט אין די סידורים אַז לויט די שיטות זאָל מען נישט זאָגן די ברכה.

דאָס הייסט אַז אויב ס'איז דאָ עפּעס פון דעם סדר התפלה וואָס מ'דאַרף נישט זאָגן איז מען אונז דאָס מודיע אין דעם סידור. אויב אַזוי פאַרוואָס האָט מען נישט מודיע געווען די זעלבע זאַך לגבי נשמת און אַנדערע שירות ותשבחות? פאַרוואָס האָט מען נישט אַריינגעלייגט די אַלע זאַכן אין די רשימה אַז דאָס איז נישט געמאַכט פאר מענטשן וואָס האָבן שוועריגקייטן אין לעבן?!

## אונזער שבח והודאה איז נישט תלוי אין די 'טוב הנגלה'

אלא מאי, זען מיר דערפון אַז ביי דעם ענין פון לויבן דעם אויבערשטן איז נישטאָ קיין שום יוצא מן הכלל! ווייל די שבח פאר דעם רבוש"ע איז בכלל נישט אָנגעהאָנגען אין אונזער 'יעצטיגער מצב. דאָס איז אַ טעות מעיקרא.

אונזער לויבן דעם אויבערשטן איז אָנגעהאָנגען אין דעם אַז **יעדע מינוט וואָס דו לעבסט פירט דיך דער רבוש"ע צו אַ פּלאַץ וואו דו ווערסט נאָנטער צו אים** און דו קומסט אָן צום טוב הנצחי. דערפאַר קען זיך קיינער נישט אַרויסדרייען דערפון. ווען יאָ וואָלט מען דיך מודיע געווען אַז דו זאָלסט נישט סתם אַרויסזאָגן דעם שם ה' לבטלה.

אַ איד איז מחויב צו דאַנקן ווייל דער רבוש"ע גיט אים אייביג אַלעס וואָס דו דאַרפסט פאר זיין נצחיות'דיגע תכלית! השי"ת איז אַלעמאָל דער 'העושה לי כל צרכי' פאר יעדן איינציגן איד!

## אין יעדן מצב קען מען דאַנקן און לויבן

דאָס איז די פּירוש המילות פון דעם מאמר חז"ל: "חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה", דאָס וואָרט 'כשם' מיינט אַז ס'איז נישט קיין שום נפקא מינה צווישן די 'רעה' און די 'טובה'! מיר זענען נישט תולה אונזער שבח והודאה אין דעם מצב!

דער מענטש גייט אַריין אין אַ שיך געשעפט צו קויפן שיך. אויב טרעפט ער די פּונקטליכע שיך וואָס ער האָט געוואָלט דעמאָלט גייט ער מאַכן די ברכה "העושה לי כל צרכי", אָבער אויב געפינט ער נישט דאָרט די סאָרט שיך, דעמאָלט קען ער שוין נישט דאַנקן...

ווער האָט דיך איינגערעדט אַז די ברכה איז תלוי אויב דו גייסט טרעפן דיין געשמאַקע סאָרט שיך?! ס'איז בכלל נישט תלוי אין דעם! די שבח והודאה פון אַ איד צו השי"ת איז תלוי אין דעם מציאות אַז דער רבוש"ע האָט אונז מבטיח געווען אויף תחיית המתים און אַלע סניפים דערפון! דער רבוש"ע האָט מבטיח געווען אַז ער איז דער 'סומך נופלים, ורופא חולים, ומתיר אסורים' און אַז ער גייט אונז אַלעמאָל מטיב זיין באחריתינו. **בלויז אויף דער זאַך איז אונזער שמחה געבויעט!**

דערפאַר זאָגט טאַקע די גמרא אַז "**לא נצרכה אלא לקבולינהו בשמחה**". ס'איז אַ טעות ווען דער מענטש

---

## ←אותיות מחכימות←

ספה"ק קדושת לוי, פרשת בשלח ד"ה או יבואר נורא תהלות

שצריך האדם הנצרך אל הנס מהבורא ברוך הוא, לקבוע במחשבתו שאין זה בדרך נס, רק בחפץ הבורא תלוי הכל שהוא בעל היכולת ורב העלילה קטן וגדול אצלו שוין ואם כך מחזיק בטחונו ואמונתו בהשם יתברך ברוך הוא כשהוא נצרך לשום דבר יהיה מה שיהיה אזי עושין לו ומסייעין לו.

רק שצריך הבעל נס שלא יהיה מכיר בניסו ולא יחשוב בדעתו זה לנס בשינוי טבע רק שהוא דרך הטבע שהקדוש ברוך הוא יכול לעשות נס, כי מי שהוא חכם אין בעיניו הפרש כלל בין מי שאמר לשמן וידליק או יאמר לחומץ וידליק או שהים יהיה סוער או הולך כדרכו, ואצל השם יתברך כל הניסים הם פשוטים אצלו, ואם כן אין זה טירחא כלל להשם יתברך לעשות נס.

רק העיקר הודיה להשם יתברך שבשביל ישראל משנה הטבע, כי בכל עת הים הולך וסוער וזה היום בקע הים. ונמצא זה מוכח שאוהב את ישראל. ונמצא שאצל האדם הוא השבח שמשנה הטבע ואצל השם יתברך אין זה יגיעה כלל, רק העיקר שבזה הורה שהוא אוהב ישראל והוא לפלא גדול שהשם יתברך רום המעלות יאהב את בני אדם הגשמים.

וזהו יודו לה' חסדו (תהלים קז, ח) כלומר להשם יתברך הוא החידוש החסד שאוהב את בני אדם. ונפלאותיו לבני אדם, כלומר כי זה החידוש מה שהוא נפלא שהוא משנה טבע זה אינו נפלא רק לעיני בני אדם, אמנם אצל השם יתברך אין זה נפלא כלל מה שהוא משנה טבע, רק עיקר ההודיה להשם יתברך יהיה על חסדו הגדול שמראה שאוהב אותנו.

בויעט זיין שמחה נאר אויף די גוטע זאַכן וואָס ער פאַרמאָגט, ווייל דעמאָלט אויב ער האָט עס נישט, וועט ער אַצינד האָבן אַ גאַנצע נסיון. זיי מקבל יעדע מצב מיט אַ שמחה, אַזוי וועסטו אַלעמאָל קענען דאַנקן!

## די נס איז בלויז אַ כלי צו אַנערקענען די אהבה פון השי"ת צו אידן

דער הייליגער **קדושת לוי** זאָגט אין פּרשת בשלח (ד"ה נורא תהלות) אַז לכאורה פאַרוואָס מאַכט מען אַזאַ עסק פון נסים שלא כדרך הטבע?! וואָס איז דען אַ חילוק פאַר'ן רבוש"ע צי ער מאַכט אַז שמן זאל ברענגען אָדער אַז חומץ זאל ברענגען? ביים אויבערשטן איז בכלל נישט מעלה ומוריד און ס'איז אים גאָרנישט שווערער צו מאַכן אַ נס ווי צו מאַכן די טבע.

איז דער קדושת לוי מסביר אַז די עסק וואָס מיר מאַכן פון נסים איז בלויז ווייל דאָרט האָט דער מענטש די יכולת צו זען **ווי שטאַרק דעם רבוש"ע האָט אים ליב!** מיר דאַנקן מער ביי נסים ווייל בשעת עס געשעעט אַ נס ווערט נתגלה די אהבה פון השי"ת צו אידישע קינדער!

אַ איד נוצט דעם נס אַלס אַ סימן, אַז דאָס זאָל אים צייגן וויאַזוי דער אויבערשטער האָט איבערגעקערט אַלעס, די גאַנצע טבע, נאר פאר אים! במילא דאַנקט ער און זינגט אויף די אהבה וואָס דער רבוש"ע האָט אים ליב. דאָס ברענגט אַרויס ביים מענטש די אהבה און די התרגשות: **"ער האָט דאָך איבערגעדרייט די וועלט פאר מיר!"**

## די הודאה אויף די אָפענע חסדים ברענגט די הכרה אין דעם טוב ה'

לויט דעם קומט אויס אַז הגם מ'זעט טאַקע ביי אַסאַך פּלעצער אַז מען דאַרף דאַנקן דעם רבוש"ע אויף פּרטים. אַ איד דאַרפן אָפּגעבן אַ שבח והודאה אויף דעם וואָס ער האָט ב"ה געלט, אויף דעם וואָס ער איז ב"ה געזונט, אויף דעם וואָס ער האָט ב"ה אַ משפּחה מיט אַ דירה. אין ספרים הק' שטייט אפילו אַז מ'זאָל אויסרעכענען בפרטיות אַלע אברים וואָס מען איז געזונט דערויף.

די שבח והודאה גיט דיך די כלים צו גוט פאַרשטיין אַז דער אויבערשטער האָט דיך ליב, אָבער יעצט, נאָכדעם וואָס דו באגרייפסט שוין גוט די אהבה וואָס השי"ת האָט צו דיר, **זיי נישט תולה די הודאה בלויז אין די גוטע זאַכן.** דיין שבח והודאה איז נישט געוואָנדן אויף דעם אַז דיינע ציינער זענען ב"ה געזונט, דו דאַנקסט נישט דעם אויבערשטן אויף די ציינער, דו דאנקסט אים אַז דורך די ציינער האָסטו געזען דעם מציאות אַז דער רבוש"ע האָט דיך ליב!

וויפיל מער מען וועט פאַרשטיין און אַרויסהאָבן דעם יסוד, אַזויפיל ווייניגער וועלן די זאַכן אויסקוקן ווי סתירות. אדרבה, דער מענטש וועט זען וויאַזוי דער אויבערשטער רעדט צו מיך דורך די צרות, ער ברענגט מיך נענטער צו אים, סיי אויב איך באַקום יאָ טוב הנגלה און סיי אויב איך באַקום נאָכנישט קיין טוב הנגלה, **בה' אהלל דבר באלקים אהלל דבר.** דאָס ברענגט אַ מורא'דיגע שמחה!

ד

# עצביהם מעשה ידי אדם; די צרה שיקט השי"ת, די עצבות איז מען זיך אַליין גורם

## זיין פאר'דאגה'ט איז אַ 'מכה שלא כתובה בתורה'

דער **בן איש חי** אין זיין ספר **אדרת אליהו** (פּרשת ויקהל) שמועסט אויס אַז ווען אַ מענטש גייט דורך אַ שווערע מצב איז אַצינד פאַרהאַן צוויי זאַכן: צוערשט איז דאָ דאָס מציאות וואָס ער גייט אַריבער, און דאַן איז פאַרהאַן די 'תוצאה' וואָס דער מצב ברענגט אים. ער איז צעבראָכן, ער איז פאַר'דאגה'ט, ער שלעפּט זיך אַרום מיט פּעקלעך. וואָס דאָס איז אויסער דעם ערשטן מציאות פון די שווערקייט.

זאָגט דער בן איש חי אַזוי: "דע לך ידידי", זאָלסט וויסן מיין פריינד, אַז אויסערדעם וואָס די מדת העצבות איז אַ צער פאַר'ן נפש, איז דאָס אויך אַ צער פאַר'ן גוף. (ווי מיר ווייסן עס היינט בחוש אַז עצבות איז ממש מזיק פאַר'ן גוף בפּועל, עס ברענגט קרענק רח"ל, און פאַרקערט, ווען אַ מענטש איז בשמחה ברענגט עס אים געזונט כפּשוטו ממש).

## לייג נישט צו קיין עצבות צו די צרה וואָס השי"ת האָט געשיקט

און דער בן איש חי איז ממשיך: די מכה פון עצבות איז 'מעשה ידי אדם', דאָס האָט דער מענטש זיך אליינס געברענגט! ווייל ביי יעדע צרה איז דאָ דער חלק וואָס דער אויבערשטער האָט גוזר געווען אויפ'ן מענטש, ווי מיר ווייסן דעם כלל: "אין אדם נוקף אצבעו מלמטה אלא אם כן מכריזין עליו מלמעלה". אַלעס איז נגזר געוואָרן פון הימל. אָבער די חלק פון עצבות, **דאָס האָט דער מענטש זיך אַליין געברענגט מיט די אייגענע הענט**, ווייל פון הימל האָט מען דאָס נישט גוזר געווען אויף אים!

די דאגות און די עצבות איז אַ נייע געפערליכע מחלה וואָס מאַכט פאַר'ן מענטש אַזויפיל פּראָבלעמען, עס שאָדט חלילה פאר די האַרץ און פאר אַנדערע חלקים פון דעם גוף, אָבער **ס'איז אַ מכה וואָס דער מענטש האָט אליינס געברענגט אויף זיך!** ווייל עצבות איז אַ 'דבר מגונה ושנוא' לפני הקב"ה.

אפילו ווען אַ מענטש איז חלילה דורכגעפאַלן מיט עבירות - זאָגט דער בן איש חי - איז אויך 'אין ראוי להיות נעצב הרבה'! ער דאַרף וויסן אַז ער קען תשובה טון און ער יעצט אַריינגיין אין קיין עצבות! דעריבער, ווען דער רבוש"ע האָט געגעבן משמים יסורים פאַר'ן מענטש, פאָדערט דער אויבערשטער אַז דער מענטש זאָל נישט יעצט צולייגן נאָך אַ מכה צו די מכה וואָס מען האָט פון הימל אויף אים גוזר געווען.

## דער רצון ה' איז מ'זאָל מקבל זיין די יסורים בשמחה

דער בן איש חי איז מסביר אַז ס'איז דאָ נאָך אַ סיבה פאַרוואָס עס מוז זיין אַז עצבות איז אַ מכה וואָס דער מענטש לייגט זיך אליינס אַרויף און ס'איז נישט באַשערט פון הימל, ווייל ביי יעדע צרה וואָס דער אויבערשטער שיקט, וויל דאָך השי"ת אַז דער מענטש זאל מקבל זיין די יסורים בשמחה ובטוב לבב, אויב אַזוי, וויאַזוי איז אפילו שייך אַז פון הימל זאָל מען גוזר זיין אויף אים עצבות?! מ'וויל דאך אַז ער זאָל מקבל זיין די יסורים באהבה?!

## עצבות איז אַ חסרון אמונה

ער ענדיגט צו אַז די סיבה פאַרוואָס דער מענטש איז בעצבות איז על פי רוב צוליב 'חסרון אמונה'! ווען אַ איד וואָלט געהאַט די ריכטיגע אמונה און בטחון וואָלט ער נישט געהאַט קיין שום סיבה צו זיין בעצבות. אויב אַזוי איז דאך קלאָר אַז ווען אַ מענטש פאַלט אַריין אין אַן עצבות איז דאָס 'נישט' קיין גזירה

**אותיות מחכימות** — ספר אדרת אליהו לבעל בן איש חי (פּרשת ויקהל)

דע לך ידידי כי מדת העצבון מלבד צער הנפש, הנה גם היא צער הגוף מאוד ומזקת לגוף הרבה וכמה חולאים רבים יימשכו ממנה בר מנן.

והנה מכה זו של העצבון היא מעשה ידי אדם, והכוונה דהיינו שכל מכה שתבוא על האדם ודאי היא גזירה מן השמים שאין אדם נוקף אצבעו מלמטה אל אם כן מכריזין עליו מלמעלה, ואם כן הכל גזור מן השמים. אבל העצבון שיהיה לאדם, זה האדם הוא שהביאו בידו על עצמו, ומן השמים לא גזרו עליו שיהיה לו מכה זו – יען כי העצבון הוא דבר מגונה ושנאוי לפני הקב"ה. והאדם אפילו על עונותיו אין ראוי להיות נעצב הרבה.

ואם מן השמים יגזרו על האדם יסורין, הנה הקב"ה רוצה שהאדם יקבל את היסורין בשמחה ובטוב לבב. ואם כן איך שייך שמן השמים יגזרו עליו עצבון, מאחר שצריך להיות מקבל גם יסוריו בשמחה, וזה הוא נסיון שעושים לאדם תמיד לראות אם מקבל את כל היסורין הבאים עליו בשמחה או לאו. ואם כן לא אפשר שהם יגזרו עליו עצבון.

ועוד דמעיקרא עיקר העצבון שיהיה לאדם, על פי הרוב יבוא מחסרון אמונה, שאם היה לו אמונה והבטחה בהשי"ת כראוי וכמצטרך, ודאי לא יבוא לידי עצבון, ואם כן איך שייך שתהיה מדת העצבון גזירה מן השמים, ואם כן מוכרח לומר שזו המכה הקשה היא מעשה ידי אדם, כלומר הוא עצמו הפועל ומביא עליו מכה זו, ונפקא מינה שלזה צריך התעוררות ממנו לשים הבטחתו בהשי"ת ויעורר לבו בשמחה וגילה.

משמים, דער אויבערשטער האָט דאָס נישט געמאַכט! ווער האָט דאָס יאָ געמאַכט?! דער מענטש אַליין!

### זיין טרויעריג איז אן איסור פונקט ווי זיך אַליין שעדיגן

דער בן איש חי לערנט אונז אַז מ'דאַרף אָנקוקן די זאַך פון עצבות ממש ווי אן איסור. ס'דאַרף ביי אונז זיין מיט'ן זעלבן האַרבקייט, פונקט ווי אַ מענטש טאָר זיך נישט אַליין מזיק זיין! ווי דער חוה"ל דערמאַנט אין אָנהויב פרק ד' פון שער הבטחון אַז ווען אַ מענטש לייגט זיך אַריין אין אַ סכנה איז דאָס אַ געפערליכע עבירה וואָס מ'וועט אים דאָס פאָדערן פון הימל.

די זעלבע זאַך איז ווען אַ מענטש איז בעצבות צוליב אַ צרה, דאַרף ער געדענקן אַז דאָס איז אַ מכה וואָס מ'האָט נישט גוזר געווען אויף אים און מ'וועט פאָדערן פונעם מענטש אַז ער האָט זיך אַליין גורם געווען אַ שאָדן בגוף ובנפש. **מיט שמחה וואָלסטו דאך זיך געקענט אַרויסדרייען פון דער מחלה!** מיט שמחה וואָלסטו געקענט לעבן אַביסל לענגער!

אודאי איז דאָס נישט לייכט, ס'איז אַ גרויסע עבודה, אָבער אויב מען גייט מיט דעם מהלך וואָס דער מלבי"ם זאָגט אויפ'ן פסוק 'וישמחו כל חוסי בך לעולם ירננו', דעמאָלט איז עס אַ הפלא'דיגע מהלך וויאַזוי צו ריכטיג קונה זיין די מדת השמחה. מען איז נישט פאַרנומען וויאַזוי דער עתיד וועט זיין, צי אויף אַזאַ אופן צי אויף אַן אַנדערן אופן, צי עס וועט זיין 'טוב הנגלה' אָדער 'טוב נסתר', אַנשטאָט דעם טראַכט מען אַלעמאָל: **דער רבוש"ע איז מיר יעצט מטיב!** ער האַלט אינמיטן מקיים זיין די הבטחה מיך צו מטיב זיין!

### יעדע מינוט פון גלות איז אַן הכנה צו גאולה

צומאָל טראַכטן מענטשן אַז דאָס אריכות הגלות איז אַ סאָרט גזירה וואָס מ'ווערט נישט געהאָלפן ביז עס קומט אָן די צייט פון דער ישועה. דער מענטש זאָגט "איך האָב שוין אַזויפיל געדאַווענט אָבער ס'איז נאָכנישט געקומען די צייט". מען איז זיך מחזק אַז ווען ס'וועט קומען די רגע פון דער ישועה וועט מען געהאָלפן ווערן, ווייל דעמאָלט וועט אָנקומען די ריכטיגע צייט.

מיר זענען צוגעוואוינט צו נוצן די ווערטער ווייל בעצם איז דער געדאַנק אמת לגבי אַסאַך זאַכן, אָבער אַז מ'איז זיך מתבונן בעומק זעט מען אַז באמת איז די גאַנצע גלות איין גרויסע הכנה צו גאולה. דאָס באַדייט אַז אייגנטליך איז שוין אפילו יעצט די צייט פון דער ישועה! דער רבוש"ע האַלט שוין אינמיטן ברענגען די גאולה פאַר'ן מענטש, אפילו אינמיטן די צרה!

אַזוי זאָגט דער מדרש רבה אין פרשת וישב: **"שבטים היו עסוקין במכירתו של יוסף, ויוסף היה עסוק בשקו ובתעניתו, ראובן היה עסוק בשקו ותעניתו, וכו', והקדוש ברוך הוא היה עסוק בורא אורו של מלך המשיח".**

# "גלייבן גלייב איך בלויז דעם רבוש"ע!

בשעת אַלע זענען געווען פאַרנומען מיט זייערע זאַכן איז דער רבוש"ע שוין עוסק צו ברענגען אורו של משיח. **דער אויבערשטער איז אַ 'מביא גואל' שוין יעצט!** ער איז מסבב אַלע סאָרט סיבות צו אָנגרייטן די גאולה פאַר'ן מענטש. זייער אַסאַך מאָל זעט דאָס דער מענטש בחוש וויאַזוי צוואָנציג יאָר צוריק האָט דער אויבערשטער געמאַכט אַז יענער זאל האָבן אַ קינד, ווייל דו האסט געדאַרפט טון אַ שידוך מיט דיין טאָכטער, וכדומה.

### די גאַנצע צייט איז השי"ת עוסק צו ברענגען דיין גאולה

די גאַנצע מושג פון גאולתן של ישראל האָט זיך אָנגעהויבן די סעקונדע נאָכדעם וואָס אידן זענען פאַרטריבן געוואָרן אין גלות. ווען אידן זענען אַריין אין גלות האָט השי"ת גלייך קובע געווען אַז יעצט גייט מען דורכגיין אַ מצב וואָס **דער סוף פון דעם גאַנצן מצב גייט זיין גאולה!**

עס קען טאַקע זיין אַז צוליב די עבירות ווערט אַמאָל פאַרלענגערט די צייט פון דער גאולה, אָבער דער רבוש"ע אַרבעט ווייטער צו ברענגען גאולה, עס שטעלט זיך נישט אָפּ פאר קיין סעקונדע דער מצב וואָס דער אויבערשטער איז 'עוסק ובורא' צו ברענגען די גאולה פאַר'ן מענטש!

צומאָל שפירט אַ איד בשעת ער דאַוונט: "איך דאַוון טאַקע אָבער הער זיך איין, ס'איז נאָכנישט געקומען די צייט, בעתה אחישנה"... דאַרף אַזאַ איד געדענקן אַז דאָס איז נישט ריכטיג; זאָלסט וויסן אַז דיינע תפלות און דיינע מחשבה פון בטחון ברענגט די גאולה אַגאַנצע צייט!

### גלייך פון די ערשטע מינוט גייט אַלעס אין ריכטונג פון דער גאולה

ווען דער מענטש ווייסט וויאַזוי אויסנוצן מצבים פון גלות כדי צו זיך מתבונן זיין מיט די ריכטיגע מחשבות און אַרויסברענגען ביי אים די פנימיות'דיגע נקודות פון זיך פאַרלאָזן אויף השי"ת אָן קיין שום לבוש, דעמאָלט וועט ער זען און באַמערקן וויאַזוי דער רבוש"ע האָט אים געשיקט די ישועה און געהאָלפן פון די ערשטע סעקונדע!

דער רבוש"ע נעמט אים און פירט אים דורך אַזאַ סאָרט מציאות פון צרות, כדי אַז פון די מצב זאָל ער נאָכדעם אָנקומען צו אַן אַנדערע מצב, און פון דאָרט צו אַ דריטע סאָרט מציאות, ביז ער וועט אָנקומען צו זיין ישועה! קומט אויס אַז פון די ערשטע סעקונדע האָט אים דער אויבערשטער צוגעגרייט פונקטליך וואו ער דאַרף אָנקומען. די גאַנצע וועלט איז נאָר אַן הכנה צו אָנקומען צום תכלית, אויב אַזוי קומט אויס אַז איך האַלט אַלעמאָל אינמיטן וועג.

### מיר ווערן אַלעמאָל געפירט אויפ'ן ריכטיגן וועג צום גוטן תכלית

אַ מענטש דארף געדענקן אַז אַלעמאָל בין איך אויפ'ן וועג צו אָנקומען. ס'איז נישט פשט אַז עס האָט זיך געמאַכט אַ גאַנצע פרשה און יעצט וועט מען דאַרפן וואַרטן אַפּאָר יאָר, ווייל מ'קען נישט גלייך אַרויסגיין פון דעם פלאָנטער; מ'דאַרף יעצט וואַרטן עטליכע יאָר און איין טאָג וועט קומען די ישועה. ס'גייט נישט געשען גלייך; דער מענטש קוקט זיך אָן כאילו ער איז יעצט 'נזוף ארבעים שנה' אַזויווי די אידן אין מדבר, און נאָכדעם גייט קומען די גאולה.

ניין! ניין! זאָלסט וויסן אַז די גאולה הייבט זיך אין די ערשטע רגע!, אַזוי איז אויך געווען ביי גאולת מצרים, אידישע קינדער האָבן אָנגעהויבן מעלה זיין ניצוצות פון דער ערשטער רגע וואָס זיי זענען אָנגעקומען קיין מצרים. ווען זיי האָבן געענדיגט מעלה זיין אַלע ניצוצות איז געקומען די גאולה, אָבער אַלעס האָט זיך אָנגעהויבן פון דער ערשטער סעקונדע.

ווען אַ איד ווייסט אַז ער געפינט זיך אַגאַנצן צייט אויפ'ן וועג, **דעמאָלט קען ער זיך אַלעמאָל פרייען**. אַמאָל איז אפילו דאָ אן עבירה חלילה אויפ'ן וועג, ווי מ'זעט ביי מגילת אסתר אַז דער חטא האָט שפּעטער געברענגט אַזאַ געוואַלדיגע תשובה און אַזאַ מורא'דיגע אור הנס וואָס וועט קיינמאָל נישט בטל ווערן אפילו נאָך משיח'ס צייטן. דער חטא וואָס אידן האָבן געזינדיגט, און די הבנה וואָס זיי האָבן באַקומען נאָכ'ן חטא, אַלעס איז געווען אַ חלק פון דעם הכנה צו דער גאולה.

ווילאַנג איך פריי זיך מיט'ן רבוש"ע, ווילאַנג איך זוך דעם רבוש"ע, און ווילאַנג איך דאַנק דעם רבוש"ע, קען איך זיין רואיג און צופרידן אַז כ'בין אויפ'ן וואָגן! און אַז כ'בין אויפ'ן וועג האָב איך די הבטחה אַז דער רבוש"ע גייט מיך ברענגען צו תחיית המתים טאַקע דורך דעם מצב וואָס איך גיי יעצט אַריבער. **אויב אַזוי קען טאַקע זיין 'לעולם ירננו'!** דאָס דאַרף זיין די מחשבה וואָס באַגלייט דעם מענטש און האַלט אים בשמחה אין אַלע מצבים!


פטרון השבוע
יעמדו על הברכה שלקחו חלק בהפצת הגליון

נדבת ידידנו הר"ר **מנחם בצלאל גאטטעסמאן** הי"ו
**לרגל נישואי בתו הכלה החשובה שתחי'**
עב"ג הבה"ח **יצחק יעקב פישמאן** נ"י
ביום כ"א אדר ב' הבעל"ט
יהי רצון שהזווג יעלה יפה למזל טוב ויזכו לבנות בית נאמן בישראל

• ישלם ה' פעלם ויזכו לכל הברכות האמורות בתורה •

• ניתן להשיג הגליון במקומות הבאים: •

**בארא פארק:**
ביהמ"ד סאטמאר 53 לאקער #62
ביהמ"ד קראסנא לאקער #166
ביהמ"ד ראחמיסטריווקא - ליד המקוה
ביהמ"ד טאהש - ליד המקוה
The Winery 18 Ave

**וויליאמסבורג:**
ביהמ"ד סאטמאר - בנין בראך - לאקער #213
ביהמ"ד בראשוב - לאקער 58

Central Market
ביהמ"ד וויען - שמש שטיבעל
ביהמ"ד קראלי - שמש שטיבעל

**מאנסי**
ביהמ"ד סאטמאר- 13 Monsey Blvd - ליד המקוה
ביהמ"ד סאלקא
ביהמ"ד דעלעטין
ביהמ"ד זוועהיל - West maple
ביהמ"ד ראדאשיץ - Airmont
ביהמ"ד דאמבראווא

קול הביניני: ארה"ב – 718.686.8300 | א"י. 072.257.7726 | בריטניה. 0204.586.2115 | בלגיה. 03.300.0223